Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

הל.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## לה.

אין איינעם פון דידאָזיקע טעג האָב איך אנגעשריבן א קאַרטל צו דאווידאָווסקין. אָװעקשיקן האָב איך עס, וואָס אַן אמת, נישט אָוועקגעשיקט, אָבער געשריבן האָב איך אָט וואָס:

„היינט וועט שיינען די זון. אָבער נישט די זון פון אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן, וואָס האָט א פנים פון אַ שוואַכער, בלאַסער, יונגער פרוי, נאָר אַ זומערדיקע זון, אַ שטאַרקע, אַ גרויסע, אַ בלישטשענדיקע, און דעם מענטשנס אויגן וועלן נישט קענען קוקן אויף איר. ליכט און וואַרימקייט איז אַרום. און איך האָב ליב דאָס לעבן. אוי, ברודער, ווי ליב איך האָב דאָס לעבן, ווי איך פריי זיך מיט מיינע געפילן. מיט מיין אָטעמען! דאָס הארץ גייט מיר אַריבער די ברעגעס... און איך ווייס, אַז דער צווייטער טייל פון מיין לעבן וועט זיין אַן אַנדערער און אַ פאַרשיידענער... וואָס גייען מיך אָן די אַנאַליזירנדיקע שנייד-מעסערס? אַלץ איז זייער רייך, זייער קאָמפליצירט און העכער פון יעדן מין אנאליז... וואָס גייען מיך אָן די „שחיטה-חלפים”? איך האָב ליב דאס גוטע, דאס שיינע, דאָס ריינע, דאָס דערהויבענע, די מוטיקייט, די גערעכטיקייט... איך שטרעב... איך דער אויפגעצהאָדעוועטער דורכן צער... איך שטיי העכער פון די אַלע נאַרישקייטן... איך שפיר אַ נייע און אַן אַנדער לעבן — און אין מיר איז באַהאַלטן דער מאַטעריאַל דערפאַר... איך הויב אויף די אויגן... ס׳איז גוט דאס באַוואוסטזיין, ס׳איז גוט די דערקענטניש!.. איך ווייס, אַז בלויז פיין

איז פאַר מיר אָנגעגרייט אין דער צוקונפט, און איך האָב קיין מורא נישט, איך ציטער נישט.. איך הונגער — און בין זאַט... גרויס זענען יסורים... גרויס איז דער איינזאַ-ער... גרויס איז דער וואָגלער...

„מאָרגן פאָר איך אוועק פונדאַנען״.

---